טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

מאמר המחבקים
א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ט • גליון 165 • עקב - ראה • שנת תשפ"ו



# ס'ניישט צום אויסהאלטן די נסיונות אין מיין געגנט, וואס טו איך דא?

1

ספעציעלע
חיזוק-שמועס פאר
אידן וואס וואוינען
אין שטעט מיט
שווערערע גאסן

דורך מגיד מישרים
הרה"ג רבי
ישראל
מרגליות
שליט"א

## א

## לפני מי אתם מטהרין אביכם שבשמים; א ליכטיגע משנה

### דריי יסודות וואס קען אונז שטענדיג באגלייטן

מיר אלע קענען דעם פריילעכן ניגון, וואס אידן זינגען מיט התרגשות און שמחה, אום ל"ג בעומר און אויך אגאנץ יאר. דער ניגון וואס איז בעצם די לעצטע משנה אין מסכת יומא: **"אמר רבי עקיבא, אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים"**.

א משנה דארף מען דאך גוט אפלערנען און פארשטיין.

לאמיר דעריבער לערנען **דריי נקודות וואס דער הייליגער תנא רבי עקיבא זאגט אונז דא**, וואס שיינט אונז א געוואלדיגע נייע בליק אויפ'ן גאנצן לעבן.

### דער עיקר 'אשריכם ישראל' - ווען מ'ארבעט אויף ריינקייט

רבי עקיבא זאגט פאר אידישע קינדער: "אשריכם ישראל! וואויל איז פאר אייך, אז איר זענט זיך מטהר פאר'ן אויבערשטן".

מ'זעט אבער אן אינטערעסאנטע זאך: די משנה זאגט נישט 'אשריכם ישראל שאתם **קדושים**', כאטש אידן זענען דאך א הייליג פאלק, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יד, ב): 'כי עם קדוש אתה'. **אבער דער אשריכם ישראל איז אויף עפעס אנדערש!** דער עיקר חשיבות פון אידן איז ווען זיי זענען זיך 'מטהר'.

### וואס איז טייטש טהרה?!

דער הייליגער **רמב"ם** (פירה"מ פרה פ"ג ג) שרייבט אז ווען די תורה זאגט דאס לשון 'טהור', מיינט דאס אז **דער מענטש איז צוערשט געווען טמא, און נאכדעם האט ער זיך גערייניגט און געווארן טהור.** דער רמב"ם שרייבט דארט נאכמער א חידוש, אז ווען א מענטש איז קודם געווען טמא און ער איז נאכדעם געווארן טהור, איז **ער אויף א גרעסערע מדריגה ווי עמיצער וואס איז קיינמאל נישט געווארן טמא**, ווייל נאר אזא איינעם וואס איז אמאל געווען טמא רופט די תורה יעצט אן מיט'ן טיטל 'טהור'.

דאס שטייט דא אין דער משנה: 'אשריכם ישראל לפני מי אתם **'מטהרין'**, אונזער חשיבות איז ווען מיר

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
מיר האלטן שוין ביי
907 מזכים!
ווערט יעצט איינע פון די 1000!
זענט איר שוין
א מזכה?

עיני
שמירת עינים
קבלה דרייוו
צוויי-טויזנט-דאלערדיגע **גורלות** יעדע צווייטע וואך ווערט פראקלאמירט פאר א שטופ אינעם שווערן מלחמה מיט'ן יצה"ר – באנוס-מתנה: **א קוויטל** און פערזענליכע הזכרה ביים מסוגל'דיגער ציון פון תנא הקדוש **רבי מתיא בן חרש** דער בעל מסירת נפש בשמירת עינים

א פייער פון התגברות האט אויסגעבראכן אין כלל ישראל מיט'ן מאסיווער "עיני - שמירת עינים קבלה דרייוו" ווען טויזנטער בעה"ב, יונגעלייט, און בחורים שיקן אריין זייער קבלה מיט א פרעצעדענטלאזע כח הרבים!
זייט 10-11-12



## ס'נישט צום אויסהאלטן די נסיונות אין מיין געגנט, וואס טו איך דא?

דער רבוש"ע האט ספעציעל באשאפן אזא פלאץ פון הסתרה און נסיונות, און דער גאנצער תכלית דערפון איז געווען, כדי דער איד זאל דארט שטיין אין די יעצטיגע סעקונדע, און ער זאל זיך מתגבר זיין, און דורכדעם וועט ער ברענגען א כבוד שמים וואס קיינער קען נישט ברענגען. דאס איז א משונה'דיגע עבודת הקודש!

ווען א איד איז בוחר בטוב, און ער זאגט "איך קען נישט זען די זאך. איך בין העכער און הייליגער דערפון". האט ער יעצט געברענגט השראת השכינה. ער האט ריין געמאכט די וועלט און ער האט מקדש געווען דעם טיפסטן פלאץ!

---

דארפן זיך אפהיטן און האלטן ריין פון טומאה. עס שטייט אויך נישט: 'אשריכם ישראל **שאתם טהורים**', ווייל דאס גרויסקייט פון אידן איז דווקא ווען זיי האלטן אינמיטן זיך רייניגען! **אשריכם ישראל אז מיר זענען בשר ודם און מיר דארפן ארבעטן צו זיין הייליג און אפגעהיטן.** דאס איז טאקע א שווערע ארבעט, אבער ס'איז א גליקליכע ארבעט - אשריכם ישראל. אידישע קינדער זענען באגליקט, וואויל איז אייך אז איר דארפט זיך מטהר זיין!

### לפני מי? פאר וועמען טו איך דאס?

נאך א לימוד פון דער משנה דארף מען אלעמאל געדענקן: **לפני מי אתם מטהרין? פאר וועמען טוט מען דאס. אביכם שבשמים! מיר טוען עס פאר אונזער טאטע אין הימל.**

ווען ס'קומט צו שמירת עינים איז עס נישט אלעמאל גרינג. עס ציעט צו כאפן א בליק, מ'וויל זען, און מ'קען ווערן צעבראכן דערפון. אפט האט מען דעם געפיל: "פארוואס דארף איך זיך ספראווען מיט אזעלכע שוועריגקייטן?!".

אבער דער תנא רבי עקיבא זאגט: 'לפני מי אתם מטהרין'. **מיר האבן דא א שליחות!** מ'דארף אריינגעמען אין די ביינער און גוט דערהערן אז מיר טוען דא א הייליגע ארבעט פאר אביכם שבשמים וואס **ער האט אונז געגעבן און געגעבן די ארבעט.** אשריכם ישראל, וואויל איז ענק אידן פאר'ן טון די מורא'דיגע עבודת הקודש!

### ומי מטהר אתכם? ווער העלפט אונז?

און צום שלוס זאגט רבי עקיבא נאך א יסוד: **ומי מטהר אתכם - אביכם שבשמים!** דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן טון די ארבעט, אבער נאכדעם וואס אונז טוען וויפיל מיר קענען, העלפט ער אונז ווערן ריין! דער רבוש"ע איז 'מקוה ישראל ה'', אבער קודם דארפן מיר אנהויבן און נאכדעם וועט ער אונז העלפן און באגלייטן אז מ'זאל טאקע זיין הייליג און ריין.

ב

# לכבודי בראתיו; דער כבוד שמים ווען א איד פארמאכט די אויגן

### פארוואס האט השי"ת באשאפן א וועלט?

לאמיר אביסל טיפער אפלערנען דעם 'אשריכם ישראל', לויט דעם כלל וואס שטייט אין דער תורה הק', אז דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט אויף אן אופן **אז אלעס וואס געפינט זיך דא, ברענגט ארויס זיין כבוד!** ווי עס שטייט אין די פסוקים: **כֹּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ** - אלעס וואס השי"ת האט באשאפן איז פאר זיין כבוד. **כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו** - יעדע בריאה אויף דער וועלט איז באשאפן געווארן פאר'ן כבוד ה'.

וויאזוי קומט ארויס דער כבוד פון דער בריאה? **דאס איז די ארבעט פון אידישע קינדער!** דער אויבערשטער האט באשאפן א מגושם'דיגע וועלט, וואס ווערט אנגערופן 'עולם' - א לשון פון 'העלמה'. א וועלט וואו עס איז דא א געוואלדיגע הסתרה און מ'זעט נישט דעם אויבערשטן, און האט געוואלט אז ס'זאל דא זיין מענטשן פון בשר ודם וואס זאלן אים דא מאכן א 'דירה בתחתונים'. אידישע קינדער זאלן אים בויען א בית המקדש ביי אונז אין הארץ, וואס דורכדעם רייניגען מיר די גאנצע וועלט און מען מאכט דא א פלאץ פאר'ן אויבערשטן.

### וויפיל מער הסתרה, אלץ מער תכלית הבריאה!

עס זענען דא זאכן וואס ברענגען נאטירליך א כבוד ה'. צום ביישפיל ווען מ'איז זיך מתבונן וויאזוי די זון שיינט אויף אינדערפרי און די לבנה ביינאכט. און ווי מ'דערמאנט אין די הללוקה'ס פון פסוקי דזמרה דעם כבוד שמים וואס קומט ארויס פון דער בריאה. אבער ס'איז אויך דא אזעלכע זאכן וואס מיר קענען נישט פארשטיין וויאזוי דאס ברענגט ארויס א כבוד שמים, אבער דאס איז א קלארער מציאות וואס דער נביא זאגט: "כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו". יעדע געשעעניש און יעדע זאך וואס פאסירט אויף דער וועלט, האט דער אויבערשטער באשאפן אז ס'זאל ארויסברענגען כבוד שמים.

נאכמער: אפילו די נידריגע זאכן וואס זענען אויס ווי דער היפוך פון רצון ה'; זאכן וואס זענען דער היפוך פון ריינקייט און אידישקייט, **זענען דאך למעשה באשאפן געווארן אין דער בריאה**, און אויב אזוי איז זייער קלאר, אז דער באשעפער האט עס געמאכט **כדי דאס זאל ארויסברענגען דער כבוד שמים.**

די תכלית פון דער וועלט וואס הייסט 'עולם - העלם' און די מטרה פון אלע הסתרות איז געווען, אז **ס'זאל קומען א אידיש קינד און מגלה זיין א כבוד שמים פון יענע פלאץ!** וויפיל מער 'הסתר' און 'העלמה', אלץ מער ברענגט עס ארויס די מטרה פון דער בריאה! וויפיל שווערער די ארבעט איז, אלץ מער ווערט די וועלט אויסגערייניגט, און אלץ גרעסער איז דער שכר דערפאר.

### דיין התגברות באלייכט די וועלט

קומט אויס, אז דאס איז די גרעסטע און חשוב'סטע ארבעט וואס א איד קען טון אויף דער וועלט. אודאי' זענען מיר מתפלל 'ואל תביאנו לא לידי נסיון', און אודאי' דארף מען אנטלויפן פון א נסיון, ווי חז"ל זאגן אז אויב ס'איז 'איכא דרכא אחרינא' טאר מען נישט גיין אויף אזא וועג. אבער אויב קומט אויס אז א איד דארף יא אמאל גיין אין אזא פלאץ וואו מ'קען חלילה נכשל ווערן מיט ראיות אסורות, **זאל ער געדענקן אז דאס איז באשאפן געווארן מיט זייער א טיפן תכלית!**

ניין, קיינער ווייסט נישט!

"איך גיי נישט דא אויסרעכענען מיינע טעגליכע נסיונות, אבער אזויפיל קען איך זאגן אז **איך האב א טעגליכע געראנגעל און ס'קומט מיר אן ביטער שווער!** אבער איך שטארק מיר ב"ה. **אלעס אדאנק די גליונות וואס געבט מיר אויסטערלישע חיזוק.** גייט ווייטער אן!"

(וואויסמעיל פון היימישער יונגערמאן)



# אן אויג פאר אן אויג!

**עס דערציילט הר"ר יושע פריעד הי"ו, באקאנטער שפילער און מוזיקאנט פון ירושלים עיה"ק:**

ס'קען גאר זיין אז דער גאנצער תכלית פון דער זאך איז באשאפן געווארן **בלויז פאר די מינוט ווען דער איד גייט דא שטיין און ער וועט זיין אן 'עוצם עיניו** מראות ברע', ער וועט צומאכן די אויגן און זיך מתגבר זיין. **אט די מינוט פון בחירה, דאס איז די תכלית פון דער בריאה!** ער ברענגט יעצט אריין דעם כבוד שמים אין דעם שמוציגן מקום התינופת, און ער מאכט עס פאר א פלאץ וואו דער רבוש"ע זאל קענען רוען כביכול.

ווען א איד איז בוחר בטוב, און ער זאגט "איך קען נישט זען די זאך. איך בין העכער און הייליגער דערפון". **האט ער יעצט געברענגט השראת השכינה.** ער האט ריין געמאכט די וועלט און ער האט מקדש געווען דעם טיפסטן פלאץ!

## א גוטע מחשבה צו טראכטן

בדרך אגב, ס'איז א גוטע עצה אז ווען מ'גייט אויף דער גאס אדער אויף א פלאץ וואו מ'דארף האבן שמירת עינים, זאל מען זיך חזר'ן אט די צוויי פסוקים: 'כָּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ' און 'כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו'.

די גרעסטע שמירה איז דאך **צו מסיח דעת זיין פונעם נסיון מיט אנדערע גוטע מחשבות.** געוויס איז דאס בעסטע ווען מ'קען טראכטן דברי תורה און מ'ליגט אין לערנען בשעת א נסיון. אבער אפילו אויב מ'איז נישט אויף דער מדריגה, קען מען טראכטן שיינע געדאנקן און מחשבות פון עבודת ה'.

א יונגערמאן האט מיר דערציילט אז דאס איז טאקע איינע פון **זיינע רעיונות וואס ער טראכט גייענדיג אין גאס.** ער איז זיך מתבונן וויאזוי דער אויבערשטער האט באשאפן יעדע זאך אין דער בריאה פאר זיין כבוד. יעדע גראזעלע, יעדע זאמדל אויפ'ן ערד, יעדע פליגעלע וואס פליט ארום, יעדע בלעטעלע פון בוים, יעדעס ווינטל וואס בלאזט, יעדע קלייניגקייט אין דער בריאה, ברענגט ארויס דעם כבוד ה', ווייל אויב ס'וואלט נישט געברענגט קיין כבוד ה' וואלט דער באשעפער עס נישט באשאפן.

דאס איז אן עצה טובה **אפילו פראקטיש גערעדט**, ווייל ווען מ'טראכט פון די נפלאות הבריאה, די בלעטלעך, די ווינטן און די שטיינער, נעמט עס אויטאמאטיש אוועק דעם קאפ פון אומריכטיגע מחשבות. און נאכמער איז עס א **שמירה 'באופן סגולי'**, ווייל ווען א איד איז זיך מתבונן בשעת'ן

ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס איך וויל מאכן א 'לעיזער פראצעדור' אויף די אויגן, צו פטור ווערן פון מיינע ברילן וואס האבן גאנץ א הויכן נומער. אבער צוליב דעם וואס כ'בין ב"ה א פארנומענער שפילער אויף חתונות יעדע נאכט, און וואוסנדיג אז נאכ'ן פראצעדור דארף מען זיך אפריען פאר עטליכע טעג, האב איך עס כסדר אפגעשטופט אויף די דריי וואכן, ווען ס'איז ממילא נישטא קיין חתונות.

ענדליך, מיט צוויי וואכן צוריק, שבעה עשר בתמוז, האב איך אריינגערופן פאר אן אפוינטמענט צו א מעדיצינישע אינסטוטוציע וואס פארמאגט עטליכע אפטיילונגען אין ארץ ישראל. אזיוויי איך וואוין אין ירושלים, האב איך געבעטן אן אפוינטמענט אין דעם ירושלים'ער אפיס, אבער דער סעקרעטאר האט מיר געמאלדן אז דא אין שטאט האבן זיי שוין נישט קיין שום ליידיגע אפציע ביז נאך די דריי וואכן, בלויז אין דעם אפיס פון תל אביב קענען זיי מיר געבן אן אפוינטמענט, גלייך אויף מארגן.

איך האב געענטפערט אז ווארשיינליך איז עס מסודר פון מיין זייט. איך דארף נאר אנפרעגן אין שטוב צי כ'קען מארגן פארברענגען די עטליכע שעה אהין און צוריק קיין תל אביב, און זיי זאלן צוריקרופן אין אהאלבע שעה, צו באקומען מיין באשטעטיגונג.

אבער ווען כ'האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן האב איך אנגעהויבן טראכטן: איין מינוט! אין דער לעצטער תקופה פרוביר איך זיך צו שטארקן אין שמירת עינים, און דא קומט מיר אונטער א נסיון צו פארן קיין תל אביב אינמיטן זומער. ב"ה אז ס'איז נישט קיין קריטישע מעדיצינישע באהאנדלונג וואס כ'האב נישט קיין אנדערע ברירה. ס'איז סך הכל א באקוועמליכקייט זאך, נישט צו דארפן גיין מיט ברילן. אויב אזוי - האב איך מחליט געווען – אז איך נעם נישט דעם אפוינטמענט! איי, ס'איז דאך וויכטיג אז דער פראצעדור זאל זיין דוקא אין די דריי וואכן ווען ס'שטערט נישט מיין ארבעט? דער אויבערשטער וועט שוין זיכער העלפן. אבער איך גיי נישט איינשטעלן מיינע אויגן פאר אזא זאך!

ווען די סעקרעטאר האט צוריקגערופן האב איך געמאלדן אז למעשה וועל איך נישט קענען פארן קיין תל אביב. כ'האב גלייכצייטיג געבעטן אז זיי זאלן מיר ארייגלייגן אין דעם 'וועיטינג ליסט' פונעם ירושלים'ער אפיס, אז אויב ס'וועט אונטערקומען א ליידיגע פלאץ אין די קומענדיגע טעג, זאלן זיי מיר לאזן וויסן.

נאך בשעת מעשה, האלטנדיג אינמיטן רעדן, גיט מיר די סעקרעטאר א זאג: "איך האב פאר אייך אן אפוינטמענט מארגן דא אין ירושלים!"... וואס האט פאסירט? פונקט יעצט האט איינער אריינגערופן קענסלען זיין מארגנדיגע באזוך, און היות זיי האלטן יעצט אינמיטן רעדן מיט מיר, האב איך עס באקומען!

איך האב געמיינט אז די מעשה האט זיך דא געענדיגט...

עס גייט אריבער צען מינוט און איך באקום א טעלעפאן רוף פון מיין יונגל'ס מלמד אין חדר. ער דערציילט מיט שרעק אז מיין זון האט זיך געשפילט ביי הפסקה מיט שפיציגע דינע שטעקענס, און איין שטעקן איז אים אריינגעגאנגען אין די אויגן. דאס קינד קוקט אויס בסדר, אבער דער מלמד וויל נישט נעמען קיין אחריות.

מיר זענען געלאפן צום דאקטער, און בחסדי השי"ת האט זיך ארויסגעשטעלט אן אפענער נס. ארום די אויגן איז טאקע געווארן אביסל רויט, אבער גארנישט מער! דאס קינד'ס זע-קראפט איז ב"ה געזונט און שטארק!

שפעטער, ווען כ'האב געמאכט דעם חשבון, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז גענוי אין דער זעלבער מינוט וואס איך האב אפגעזאגט מיין אפוינטמענט אין תל אביב צוליב שמירת עינים, ממש אין יענע רגע האט מיין יונגל געהאט די גרויסע ישועה, ווען זיינע אויגן זענען ב"ה געראטעוועט געווארן - עין תחת עין. ווייל **שמירת עינים ברענגט א הימלישע שמירה, אויך היינטיגע צייטן אום זומער תשפ"ו!**


אמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.
מיר האלטן שוין ביי
907 מזכים!
מזכה
זענט איר שוין א מזכה? רופט שוין
845.999.4114



גיין אין גאס אז אין יעדע זאך איז דא א כבוד שמים, דערהייבט עס זיין אייגענע מח און הארץ, ער ווערט פשוט נתרומם און דורכדעם קען ער אסאך גרינגער זיך ארויסדרייען פון די נארישקייטן פונעם יצר הרע.

בכלליות איז דאס א מחשבה וואס מ'קען זיך שטארק מעמיק זיין דערינען, און **עס קען ממש אמת'דיג איבערדרייען דעם מענטש'נס בליק אויף דער וועלט**. ער וועט הערן נייעס אנדערש, ער וועט זען געשעענישן אנדערש. יעדע זאך וואס פאסירט גייט אויטאמאטיש אריינגיין ביי אים אין קאפ אז דער באשעפער האט דאס געטון ווייל די זאך דארף ברענגען כבוד שמים.

ג

# כי בך בחר ה'; דיין קוראזשפולע מיסיע וועט אויסלייטערן די וועלט

## טריפה'נע גאסן - א ספעציעלע געלעגנהייט!

איבערהויפט ווען ס'איז באשערט פאר א איד צו וואוינען אין אזא געגנט אדער שטאט וואו מ'דארף זיך ספראווען מיט שווערערע נסיונות, מיינט דאס אז דער רבוש"ע האט אים געשיקט אויף א ספעציעלע שליחות: **ס'איז דא א געוויסע טיפע כבוד שמים וואס קיינער אין דער גאנצער וועלט קען דאס נישט ארויסברענגען, נאר דער איד** וואס וועט עומד זיין בנסיון אויף אזא נידריגן פלאץ. **דאס איז אסאך א העכערע כבוד שמים ווי דער כבוד שמים וואס מ'ברענגט ארויס אין בית המדרש!**

ווען א איד לערנט און דאווענט; ווען א איד איז מקיים מצוות, וועט א איד פראווענט א שב"ק מיט א ווארימער 'נשמת', קומט דערפון ארויס א געוואלדיגער כבוד שמים. אבער **דא רעדט מען פון א כבוד שמים וואס איז מתקן די בריאה!** דער רבוש"ע האט ספעציעל באשאפן אזא פלאץ פון הסתרה און נסיונות, און דער גאנצער תכלית דערפון איז געווען, כדי **דער איד זאל דארט שטיין אין די יעצטיגע סעקונדע, און ער זאל זיך מתגבר זיין**, און דורכדעם וועט ער ברענגען א כבוד שמים וואס קיינער קען נישט ברענגען. דאס איז א משונה'דיגע עבודת הקודש!

## די וועלט ווערט נידריגער - פאר א סיבה

מיט יארן צוריק איז אפילו די גוי'אישע וועלט נישט געווען אויף אזא נידריגן שטאפל. אפילו דער גוי איז געגאנגען אין דער גאס נארמאל אנגעטון. מענטשן זענען געווען מער ציוויליזירט און צאמגענומען. אויך אין די דעמאקראטישע לענדער איז די וועלט געווען זייער אנדערש מיט פופציג יאר צוריק, און אפילו מיט צוואנציג יאר צוריק.

מיט יעדעס יאר וואס גייט אריבער, פארלירן מענטשן

> **וועץ ס'איז באשערט פאר א איד צו וואוינען אין אזא געגנט אדער שטאט וואו מ'דארף זיך ספראווען מיט שווערערע נסיונות, מיינט דאס אז דער רבוש"ע האט אים געשיקט אויף א ספעציעלע שליחות: ס'איז דא א געוויסע טיפע כבוד שמים וואס קיינער אין דער גאנצער וועלט קען דאס נישט ארויסברענגען, נאר דער איד וואס וועט עומד זיין בנסיון אויף אזא נידריגן פלאץ. דאס איז אסאך א העכערע כבוד שמים ווי דער כבוד שמים וואס מ'ברענגט ארויס אין בית המדרש!**



> **דער איבערשטער זאגט פאר יעדן איד: "איך שיק דיר טאקע דעם נסיון, אבער איך בין צוזאמען מיט דיר בשעת מעשה! כ'ווייס אז דו האסט א שווערע ארבעט. קום, איך וועל דיר העלפן און אנכאפן ביי דער האנט".**

זייער מאראלישקייט און זייער מענטשליכקייט. די גאסן זענען זייער אנדערש, די אדווערטייזינג זענען זייער אנדערש, די גאנצע מציאות פון דער וועלט ווערט זייער אנדערש, ס'איז דא אזויפיל זאכן וואס רייצן און שרייען צום מענטש.

אבער דאס איז אלעס בירורים. **דורכדעם וואס אידן פארמאכן די אויגן אין אזא וועלט, קומט די גאנצע בריאה אן צו מער תיקון און נאכמער תיקון.** מיר דארפן דאס אלעמאל געדענקען אז מיר זענען שלוחים וואס זענען עוסק אין א געוואלדיגע עבודת הקודש!

## א געשולטע קאמאנדע אקציע

דער תנא רבי עקיבא זאגט: **אשריכם ישראל, וואויל איז אייך, אז איר זענט עוסק אין זיך מטהר זיין**. נישט אלעמאל איז דער מענטש שוין אינגאנצן טהור, אבער **ער ארבעט דערויף**. ער לייגט אריין א התגברות זיך מטהר צו זיין.

און רבי עקיבא זאגט נאך א יסוד: **לפני מי אתם מטהרין? פאר וועמען טוסטו די ארבעט?!** דו ביזט זייער נאנט צום פרעזידענט און דו טוסט זיין פריוואטע ארבעט. דו ביזט א סאלדאט אין דעם באשעפער'ס מיליטער, און מ'האט דיר אויסגעקליבן פאר א ספעציעלע מיסיע! ווי דער הייליגער **תניא** שרייבט אז ס'זענען דא אזעלכע נשמות וואס **פון הימל האט מען זיי געטרויעט צו שיקן אין שווערע פלעצער, און דאס איז זייער ארבעט און תכלית.** די איידעלע סאלדאטן קען מען נישט שיקן דארט, אבער ס'איז דא סאלדאטן וואס מ'שיקט ארויס דירעקט צו די שווערע שלאכטפעלדער.

להבדיל, ווען אמעריקע האט געשיקט כאפן די גרויסע טעראריסטן אין מסוכנ'דיגע געגנטער, אין אפגאניסטאן און פאקיסטאן, האט מען באאויפטראגט די שטארקסטע און מערסט-געלערנטע סאלדאטן אז זיי זאלן טון די שווערע אויפגאבע, אריינצוקריכן ביים שונא און דארט כאפן די גרעסטע טעראריסטן.

## די וועלט ווארט אויף דיין התגברות

ווען א איד געפינט זיך אין א שטאט מיט שווערערע נסיונות, איז ער א סאלדאט וואס מ'האט געשיקט מיט א ספעציעלע שליחות אהין. ס'איז מעגליך אז אפילו קדושים וטהורים וואלטן נישט געקענט מקיים זיין די שליחות, ווייל די גרויסע מענטשן זענען צו איידל און צו סענסיטיוו צו קענען מקיים זיין אזא סארט אויפגאבע, **אבער די וועלט גייט דאך נישט אנקומען צום תיקון ווילאנג מ'גייט נישט מסדר זיין די ענינים, ווען יא וואלט מען שוין געהאלטן ביים תיקון השלם.** די וועלט ווארט נאך אז אלע פלעצער זאלן ווערן געהייליגט און מזוכך. **דורך דיין ארבעט פאסירט אט דער תיקון!**

אין **ספרים הק'** איז מבואר נאכמער, אז אפילו ווען א מענטש איז חלילה דורכגעפאלן מיט א שלעכטן בליק, אבער אויב האט ער נאכדעם אמת'דיג חרטה מיט א צעבראכן הארץ, **און ער נוצט דעם מכשול אלץ א התעוררות כדי זיך שטארקער מקבל צו זיין אויפ'ן קומענדיגן מאל**, איז דאס אים מקדש ומטהר. דער איד רייניגט זיך און ער איז מטהר די וועלט, ווייל ער ברענגט ער יעצט אריין דעם כבוד שמים אפילו אין

אזא טיפע נידריגע פלאץ. ער איז מעלה דעם מקום החטא און ער ברענגט עס צוריק צום כבוד ה', וואס פאר דעם תכלית האט דאך דער אויבערשטער באשאפן זיין בריאה. אזא סארט כבוד ה' קען קיינער אנדערש קען נישט טון, נאר א איד וואס טוט תשובה נאכ'ן דורכפאלן.

## השי"ת שטייט צו דער רעכטער זייט

און געוויס דארף מען אויך געדענקן דעם צווייטן חלק פון דער משנה: 'ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים'. **דער אויבערשטער איז אונז מטהר!** ער העלפט און גיט די סייעתא דשמיא, ווייל ער וויל אונזער ארבעט, און ער ווייסט אז 'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו'.

דער אויבערשטער זאגט פאר יעדן איד: "איך שיק דיר טאקע דעם נסיון, אבער איך בין צוזאמען מיט דיר בשעת מעשה! **כ'ווייס אז דו האסט א שווערע ארבעט. קום, איך וועל דיר העלפן און אנכאפן ביי דער האנט**".

פונקט ווי א באלעבאס פון א פירמע וואס טיילט אויס דזשאבס פאר זיינע ארבעטער, און פאר איין ארבעטער האט ער געגעבן גאר א שווערע אויפגאבע, אבער שפעטער קומט דער בעה"ב אליין צו אים זאגנדיג: "**וואו האלסטו? איך ווייס אז כ'האב דיר געגעבן א שווערע ארבעט. לאמיר דיר העלפן**". געווענליך, ביי די גאר סענסיטיווע און טייערע ארבעט וועט טאקע אלעמאל אזוי זיין, אז דער בעה"ב וועט שטיין דארט און ער וועט צוהעלפן און זיכער מאכן אז מ'זאל מצליח זיין. דער רבוש"ע האט אונז געגעבן א שווערע אויפגאבע, זיך צו שלאגן מיט'ן יצר הרע, אבער דער באשעפער זאגט כביכול: "**איך דארף דאס מיטהאלטן, לאמיר שטיין דארט נעבן דעם איד און אים צוהעלפן**".

נישט אומזינסט האט כלל ישראל דעם נאטירליכן געפיל אז **ווען מ'זינגט 'אמר רבי עקיבא' הייבט זיך אן צו טאנצן פון ווי זיך אליין.** דאס איז א ניגון וואס הייבט אויף אידישע קינדער, ווייל ווען מ'דערהערט די הייליגע ווערטער פון רבי עקיבא ברענגט עס טאקע אריין א דערהויבענקייט און אן אמת'ע אינערליכע שמחה, אשריכם ישראל!





טריזענטער אידן זענען שוין געפארן מיט דעם נסיעה האנט-בוך, און געהאט אן אפגעהיטענע נסיעה!

מיר גרייטן זיך יעצט פריש צו דרוקן 5000 קונטריסים
נעמט א חלק דערין!

שם המהדורה ...... $10,000
זכות פרק ................ $1,000
זכות 'נסיעה' ............. $195

דער גרויסער זכות הרבים וועט אייך אודאי באגלייט פאר אלע גוטע ברכות וישועות

845.999.4114
דרוקט 1-9 צו רעדן צום מערכת

דן. ווילסט. נישט.

וויפיל טויזענטער אידן וועלן היטן די אויגן אדאנק דיר.

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.

מיר האלטן יעצט ביי:
907 מזכים

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
מזכה
$25 לחודש
פאר דיר | פאר דיינע קינדער | פאר דיין חבר | פאר כלל ישראל!

ביזטו שוין א מזכה?

## געכאפט א שמועס מיט פרעזידענט טראמפ...

דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן מאכט יעדעס יאר פאר חנוכה, אן א.ג. 'ליכט צינדן' צערעמאניע, מיט דער באטייליגונג פון אידישע פארשטייער. דעם פארלאפענעם ערב חנוכה האט מען מיר אויך איינגעלאדנט צו דער מסיבה. אנקומענדיג אינעם ווייסן הויז, איז מיין פלאץ געווען ממש גאנץ פארנט, קעגנאיבער פרעזידענט טראמפ. כ'האב זיך דארט אראפגעשטעלט און געווארט אז דער פרעזידענט זאל אריינקומען.

אפאר מינוט דערויף קומט אן א פרוי וואס איז געווען געווען אנגעטון זייער אויסגעלאסן, און שטעלט זיך אראפ נעבן מיר מיט אן עזות. איך האב מחליט געווען אז כ'קען נישט דא בלייבן שטיין, טראצדעם וואס איך בין דארט געווען פריער, האב איך אויפגעגעבן מיין פלאץ, און כ'בין איך אריבערגעגאנגען אויף דער אנדערער זייט, כאטש ס'איז טאקע נישט געווען אזא גוטע פלאץ. אבער פארפאלן, א איד קען נישט דארט בלייבן.

ווען איך האב זיך אוועקגערוקט, האט די גאנצע שורה וואס איז געווארן פארשטעלט דורך די פרוי מיר באדאנקט: "וואו, ראביי, טענק יו", סאיז געווען ב"ה א גרויסער קידוש ה'. און **למעשה איז אויך ארויסגעקומען א געוואלדיגע טובה דערפון,** ווייל אויף דעם נייעם פלאץ זענען געשטאנען עטליכע אנשים מכובדים וואס שפעטער האט דער פרעזידענט גערעדט מיט זיי, און דורכדעם בין איך געווארן א טייל פונעם שמועס.

"שפעטער האט מיר איינער פון די אנוועזנדע גוים געפרעגט: "איך האב מיטגעהאלטן די גאנצע זאך, פארוואס האסטו זיך אוועקגערוקט, דו האסט געהאט אלע רעכטן, דו ביזט דארט געשטאנען פריער?"

"האב איך אים געזאגט: "איך בין דא א שליח פון מיין רבי'ן, דער סקווירא רבי שליט"א האט מיר דא אהערגעשיקט. איך גיי נישט אויף קיין פלאץ אן דעם וואס איך רעד זיך דורך מיט אים און כ'באקום זיין ברכה פאר שמירה און סייעתא דשמיא. האב איך געטראכט צו מיר: וואס וואלט מיין רבי מיר געהייסן טון אין אזא פאל? וואס פאדערט ער פון מיר יעצט אלס זיין שליח דא אין ווייסן הויז?" - יא גערעכט, נישט גערעכט, איך טאר נישט בלייבן דא. ב"ה אז כ'בין אנטלאפן פון דארט, און ס'איז נאר ארויסגעקומען א קידוש ה' און א תועלת דערפון.

מו"ה ישראל משה שפיטצער הי"ו, מעיאר פון שיכון סקווירא, אויף א 'גבור' מעסעדזש



## מ'קען פועל'ן ישועות מיט שמירת עינים!

"אין טהרת הקודש (להגה"ק רבי אהר'לע ראטה זצ"ל בעל שומר אמונים) שטייט, אז ווען א מענטש גיט אכטונג אויף שמירת עינים, איז ער דעמאלטס מסוגל צו פועל'ן אלע מיני ישועות, אלעס, קען ער אלעס פועל'ן!

"כן יהי רצון! דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל אויסבעטן אלעס וואס א איד דארף, רפואות מיט ישועות, און מ'זאל הערן נאר גוטע בשורות איינער פון אנדערן"

סיום דברי פרידה פון האדמו"ר מפשעווארסק שליט"א, ביים "מעמד צאתכם לשלום" פארלאפענעם א' דברים, ווי דער רבי האט אויסגעקליבן אין זיינע קורצע דיבורים זיך צו דערזעגענען פון זיינע חסידים מיט א שטארקע נקודה אויף שמירת עינים.



## די הייליגסטע רענט אין וויליאמסבורג

כ'האב היינט געהערט א מורא'דיגע מעשה, וואס האט מיר זייער איבערגענומען. כ'וויל ארויסברענגען לשבח פון וויליאמסבורג, און פון א איד וואס וואוינט אין וויליאמסבורג.

ביי די גאס פון טעפי און פארק, איז דא א שטאטישע פארק. רחמנא ליצלן וואס פלעגט זיך אפטון דארט א זומער, דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין. איז געגאנגען ידידי, הרה"ח רודף צדקה וחסד רבי שלמה פעדער הי"ו, און ער האט אריינגעקאלט צי די באהערדע און ער האט אפגעדינגען דעם פלאץ פאר זיך, כאילו ער גייט דארט מאכן אן איוועוונט. כ'מיין דאס קאסט אסאך געלט, אזוי מיין איך... ער האט עס אפגעדונגען און צוגעשפארט, ס'איז געווארן זיין פלאץ, כדי אז ס'זאל קענען זיין שמירת עינים פאר די קינדער וואס גייען דארט אריבער, אין הארץ פון וויליאמסבורג.

דאס איז דאך אזא זכות. אידן לאזן זיך צאלן אזעלכע געלטער אז אידישע קינדער זאלן קענען דיעלן מיט די נסיונות! ר' שלמה האט זוכה געווען צו קענען אפהיטן די אויגן פון אידישע קינדערלעך. השי"ת וועט אים זיכער העלפן און באצאלן, אז ס'זאל קיינמאל גארנישט פעלן מיט כל מילי דמיטב.

הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיצער שליט"א, ר"י תורת צבי ספינקא, שיעור השבוע, פרשת מטות מסעי תשפ"ו



## קלוגע הדרכה פון א סגי נהור

אויב האסטו זוכה געווען אז דו קענסט זען מיט דיינע אויגן, דו קענסט זען די הערליכע וועלט, וואלקנס, די שקיעה, פלאטערלעך, קאלירן, געשטאלטן... **ביסטו דאך א מושלם! אויב אזוי, ר' איד, ביטע גיב אכטונג אויף דיינע אויגן!**

גיב אכטונג אויף דיינע אויגן! נוץ זיי נאר דארט וואו דער באשעפער לאזט און וויל מען זאל זיי נוצן.

הרב אברהם סטרול פון בית שמש, א סגי נהור ל"ע, ביים סוף פון זיין שמועס אין 'שריפט' פ' נשא תשפ"ו, איבערלאזענדיג א 'מעסעדזש' וואס ער האט צו זאגן פאר די וואס זעען יא

האט איר עפעס געזען אדער געהערט וואס אנדערע קענען שעפן חיזוק דערפון?
רופט 845.999.4114 עקס. 1-2 אדער שיקט צו info@tahoreineyim.org

בס"ד

מזכה
נסיעה
גורל

אפגעהיטענעם
נסיעה צו
מקומות
הקדושים

ווערט א
"מזכה" און
געווינט דעם
זעלטענעם
געלעגנהייט
מיטצוהאלטן
דעם

בראשות הגה"ח
ר' **יוסף חיים**
**גרינוואלד** שליט"א
אינאיינעם מיט הרה"ג
ר' **מאיר צוויבל**
שליט"א

אייר תשפ"ז הבעל"ט

אין ווערד פון
**$4,000**

7 טעג
געהויבענע נסיעה:
פוילן-אונגארן; ליזענסק, צאנז, רומינוב, קערעסטיר, און נאך אסאך - יעדע פלאץ מיט ישוב הדעת און הייסע תפילות.

הגה"ח ר' יוסף
חיים גרינוואלד:
די גאנצע נסיעה באגלייט מיטן פה מפיק מרגליות ומעורר לבבות ישראל ר' יוסף חיים מיט קאכעדיגע דרשות.

אפגעהיטענע נסיעה:
ספעציעלע געוויכט אויף שמירת עינים בשעת די נסיעה; מ'פארט מיט א פריוואטן טשארטער, אינאיינעם מיט חסידים ואנשי מעשה, סקרינס אויפ'ן פליגער פארלאשן, נאר מענער מאנשאפט אויפ'ן פליגער, אין די שפעטע ביינאכט שעות ווען דער עראפארט איז ליידיג און די געשעפטן זענען פארשפאר, אפגעדינגענע האטעל בלויז פאר אידן, און נאך פיל.

געהויבענע שבת קודש:
די נסיעה פעקעדזש נעמט אריין דעם געהויבענעם שבת קודש סמוך ונראה ביי איינע פון די מקומות הקדושים בראשות הגה"ח רבי יוסף חיים שליט"א, און הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א.

קאמפיין
ציל:
1000
מזכים.

זכות
בגורל:

מזכה
$25 לחודש
$300 אדער

מיר
ווארטן
אויף אייער
טעלעפאן
רוף!
845.999.4114

גיט. געווינט. פארט!

טהור עינים
כל המזכה את הרבים
אין חטא בא על ידו
מזכה
$25
לחודש
NUAH 845.513.0001



# די שכינה רוט
# אויף דיין פנים!

פארגאנגענעם פרייטאג צונאכטס פארצײלט מיר א יונגערמאן אין ביהמ"ד, א יונגערמאן א בעה"ב.

ער איז ארויסגעגאנגען פרייטאג נאכמיטאג מיט די קינדער, ערגעצוואו האט ער אינמיטן באמערקט א גרופע גוים, ווי זיי גייען אנגעטון, אדער אויסגעטון, ער האט געוואלט אהיימגיין, אבער די קינדער האבן געוואלט בלייבן, האט ער באשלאסן, ער גייט זיך אפהיטן די אויגן.

אבער אינמיטן האט ער זיך בטעות פארקוקט, און ס'האט אים מורא'דיג וויי-געטון. ס'האט אים שטארק געשטאכן, ווי ער זאגט מיר "כ'האב שוין יא געמאכט די טעסט ביז 95, פארוואס האב איך נישט געמאכט ביז 100".

ס'האט אים זייער נערוועירט, דער איבערשטער זאל אפהיטן, אמאל איז דא א שלעכטע ראי' וואס שטעכט אריין עד דכדוכה של נפש.

ער זאגט מיר "כ'האב מיר ממש געשעמט ארײנצוקומען פרייטאג צונאכטס אין ביהמ"ד, וואס זוך איך דא? וואס האסטו געטון 3 שעה צוריק".

ער קומט אריין אין ביהמ"ד אזוי פארשעמטערהייט, ער שטייט ביי די סינק זיך וואשן די הענט, טרעפט אים איינער און זאגט אים "אה, גוט שבת יענקל, די שכינה רוט אויף דיין פנים!"

ער געדענקט נישט די לעצטע פאר יאר צי ער האט אים בכלל געגריסט א גוט-שבת. ער איז געווארן אזוי מרוגש, ער איז געגאנגען צו א ווינקל און אויסגעבראכן אין א געוויין.

ער איז מיר געקומען פרעגן צי ס'מיינט עפעס? אוודאי מיינט עס עפעס. אוודאי, מ'דארף זיך היטן די אויגן, און אז מ'היט זיך נישט איז גרויסע צרות און מ'זעט עס אויפ'ן פנים, און אז דער באשעפער העלפט און מ'האט א הרהור תשובה, זעט מען די שכינה רוט אויפ'ן פנים.

נאך א נקודה וואס מ'נעמט ארויס, א סבר פנים יפות פון א חבר קען אלעמאל העלפן.

הרה"ג ר' וואלף אהרן טעללער שליט"א ביים דרשת פתיחת הזמן אין "מבצר הכוללים קרית יואל", פר' אמור תשפ"ו - 'יושבי אהל' ליניע

# עצות פאר זומער

איש את רעהו יעזורו:

## וואס וויל איך באמת?

איידער מ'גייט ארויס צו א פלאץ וואו מ'קען זען וואס מ'דארף נישט, זאל מען זיך אפשטעלן אויף א מינוט און ארייטראכטן אויב אין א רואיגע מינוט וואלט מען געוועןגרייט צו קוקן פרייוויליג אויף די ראיות אסורות וואס גייען דארט אונטערקומען ח"ו.

איינמאל מ'האט שוין אפגעמאכט ביי זיך אז "איך וויל דאס נישט טון, די זאך האט נישט מיט מיר", איז עס שוין אסאך גרינגער צו ביישטיין די שוועריגקייט, ווייל מ'איז שוין אנגעגרייט פון פאראויס. מען ווייסט שוין אז דער גאנצער נסיון איז בלויז א דמיון און מ'שפירט באשיינפערליך אז ס'איז נאר דער יצר הרע וואס וויל מיר אויסשפילן, קעגן מיין אייגענע ווילן.

פ.ל. לעיקוואוד

## א איד צו זיין איז טייער...

איך וואוין אין מאנטריאל וואו ס'איז ביטער שווער מיט שמירת עינים, בפרט אין די זומער חדשים. דער מצב דערמאנט וואס הגה"ח ר' מרדכי דוד קאהן ז"ל פלעגט זאגן אז דער גוי איז ווערד אום ווינטער 'א דאלער מיט א קוואדער' און זומער איז ער ווערד נאר איין 'קוואדער', ווייל ווינטער האט ער די בגדים, און זומער האט ער דאס אויך נישט... ס'איז טאקע באקאנט די מימרא פון דעם סקולענער רבי בעל ישועות יעקב זצ"ל אז קיין מאנטריאל שיקט מען נאר די 'קאמאנדאס', די ספעציעלע סאלדאטן וועמען מען געטרויעט אז זיי קענען שטיין אויפ'ן פראנט פון דער מלחמה.

פון מיין ערפארונג איז די עצה נומער איינס: אויסצוטון די גלעזער יעדעס מאל מען שטעלט נאר אראפ א פיס אויפ'ן גאס. ס'קען זיין אז נישט אין יעדע שטאט איז דאס אזוי וויכטיג, אבער דא ביי אונז איז עס ממש פיקוח נפש! די גאסן זענען א מקום סכנה און אז מ'טוט אויס די גלעזער האט מען כאטש א שאנס דאס אריבערצוגיין בשלום מיט סייעתא דשמיא.

יואל.- מאנטריאל

## סטאפ! שטעל זיך אפ!

דאס יאר האט דער אויבערשטער אזוי געפירט אז מיין גורל איז געפאלן צו בלייבן אין וויליאמסבורג אויפ'ן גאנצן זומער. מיט עטליכע טעג צוריק שפאצירנדיג אין גאס, האב איך פלוצלינג זיך דערזען אז ס'איז נישט קיין תכלית, די נסיונות לאקערן אויף יעדן ווינקל, און ליידער פאל איך דורך דא און דארט.

די מחשבה האט מיר ממש צעטרייסלט. כ'האב באשלאסן אז



## ס'איז געווען געשמאק!

פארגאנגענע וואך בין איך אריינגעפארן אין מאנהעטן צוליב אן אפוינטמענט, און די גאנצע צייט זייענדיג דארט האב איך זיך אויסגעטון די גלעזער.

איך האב טאקע נישט זייער א הויכע נומער, אבער ס'איז געווען גענוג אז אלעס וואס כ'דארף נישט זען זאל ווערן אומקלאר. ס'איז שווער ארויסצוברענגען מיט ווערטער די לויטערע געפיל. ס'האט זיך געשפירט אזוי דערהויבן און געשמאק. שמירת עינים איז פשוט א פארגעניגן!

כופשא ב, קרית יואל

איך מאך יעצט א דראסטישן 'שארט סטאפ'. איך האב זיך פשוט אפגעשטעלט אינמיטן גאס און געזאגט צו זיך אליין: "איך גיי נישט קיין טריט ווייטער, ביז איך שטעל נישט אוועק א פעסטן פלאן וואס איך גיי דא טון!"

איך בין אריין אין א ביהמ"ד דערנעבן, זיך אראפגעזעצט, און געמאכט א חשבון מיט ישוב הדעת: "וואס דארף איך טון כדי נישט צו נכשל ווערן?" און אז מ'טראכט טרעפט מען! אויפ'ן ארט האב איך געמאכט א רואיגן פלאן וואס איך דארף אלץ טון; ווען איך דארף אויסטון די גלעזער; ווען איך דארף הערן זאכן אויפ'ן טעלעפאן און אראפקוקן; און וואספארא גאסן איך זאל אויסמיידן, א.א.וו.

ב"ה אז זינט דאן האט זיך אלעס געטוישט צום גוטן. איך שפיר אז דאס איז צו פארדאנקן צוויי זאכן: ערשטנס, ווען מען מאכט א חשבון מיט ישוב הדעת, און מ'נעמט אויף זיך פאסיגע קבלות, קומט מען אן ווייט. און צווייטנס, ווען א איד טוט זיין השתדלות, העלפט אים דער רבוש"ע אז ער זאל טאקע קענען אויספירן זיינע גוטע רצונות, ווי חז"ל זאגן: "פתחו לי פתח של כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם".

פ. ווינבערגער, וויליאמסבורג

## ס'איז נישט קיין 'נעגאטיוו' – ס'איז א 'פאזיטיוו'!

איך וויל זיך שטארק באדאנקן אויף דעם מאמר אין דעם פאריגן גליון, אז דער 'עתיד' פאררעכט דעם 'עבר'. דאס איז גאר א גוטע עצה פאר שמירת עינים וואס האט מיר שטארק געהאלפן, ווייל איך האב אנגעהויבן שפירן אז מיין שמירת עינים איז נישט בלויז א 'דבר שלילי' – אז איך האלט זיך צוריק און כ'לויף אוועק פון א שלעכטע זאך. פארקערט גאר: ס'איז א 'דבר חיובי' – איך קויף זיך איין פרישע רווחים מיט יעדעס מאל וואס מ'קוקט נישט! איך וויש דורכדעם אפ הויפענעס פון אלטע פעקלעך, וואס בעצם דארף מען ווען אזויפיל טון כדי פטור צו ווערן דערפון, און דא האב איך אזא געלעגנהייט, דאס אויסצומעקן אויף א גרינגען געשמאקן אופן.

אזא מחשבה טוישט דעם גאנצן צוגאנג צו שמירת עינים – מען הייבט אן כאפן אז בעצם געווינט מען א לאטערי מיט יעדע התגברות!

יששכר בער וו. בארא פארק

## רוסלאנד-אוקראינע; מיליאנען טויטע!

בנוגע די מעשה וואס א איד האט געשריבן, אז ער איז זיך מתגבר דורכדעם וואס ער טוט ערוועקן זיין תאוות הנצחון קעגן דעם יצר הרע, האב איך געהערט פון הגה"צ המשפיע רבי מאטל זילבער שליט"א אז מ'זעט אן אינטערעסאנטע פענאמען. געווענליך, אין נארמאלע אומשטענדן, איז דאס לעבן פונעם מענטש, די טייערסטע זאך וואס ער פארמאגט. לענדער לאזן זיך קאסטן מיליאנען דאלארן פאר שפיטעלער און פאר העלט קעיר סיסטעמען, כדי מענטשן זאלן בלייבן לעבן און געזונט.

דאס איז אבער אלעס ביז ס'קומט צו א מלחמה. איינמאל עס ברעכט אויס א מלחמה צווישן צוויי לענדער, איז דאס לעבן פון א מענטש גארנישט ווערד! די מלחמה צווישן רוסלאנד מיט אוקראינע האט שוין געקאסט דאס לעבן פון מיליאנען מענטשן, און קיינעם גייט עס נישט אן. פארוואס? אלא מאי, ווייל די תאוה פון נצחון איז נאך שטארקער ווי די גרעסטע תאוה פון 'ווועלן לעבן'... ווען ס'קומט צו נצחון איז מען גרייט אויפצוגעבן דעם אייגענעם לעבן, און אויפ'ן לעבן פון מיליאנען מענטשן.

וממנו נקח לעבוד את ה'! ווען א איד באשליסט אז "איך גיי מיר נישט לאזן פון דעם יצר הרע", איז דאס א געוואלדיגע כח צו קענען איבערשפרינגען אלע אנדערע תאוות וואס די סטרא אחרא שטעלט אונטער. ווייל די תאוות הנצחון איז שטארקער פון אלעם.

ח. גרינפעלד, בארא פארק

## מ'האט נישט קיין השגה!

"טאמער איין איד, איין מאל, איז ניצל געווארן פון א מכשול דורך דעם בלעטל פון טהור עינים. דיינו! ווער רעדט נאך פון אפאר אידן, אפאר מאל. אסאך אידן, אסאך מאל. מ'האט נישט קיין השגה דעם גרויסן זיכוי הרבים!"

הרה"ג ר' חיים יוסף בידערמאן שליט"א